# שובה ישראל

(פאָרזעצונג פון זייט 2)

שבת איז דער יסוד און די נשמה פון אונזער דת ואמונה. זייט איהם ניט מחלל. לעבט אויף דעם הייליגען שבת. עס איז מחי׳ דעם נפש, דערקוויקט די נשמה. באַשעפטיגט וואָס מעהר שומרי שבת, שטאַרקט זייערע הענט. אָהן שבת קאָן קיין יהדות ניט זיין. פארלעשט ניט דעם נר ישראל. האָט בטחון בד׳ ובזכות השבת וועט איהר ווערען אויסגעלייזט. אלמלי שמרו ב׳ שבתות מיד נגאלו.

ערציהט אייערע קינדער על טהרת הקודש. שיקט אייערע זיהן אין די פּאַראָ־קיאַל־סקולס, אין די ישיבות און אין די פרומע תלמוד־תורה׳ס, און אייערע טעכטער אין די בית־יעקב־שולען, וואו מען לערענט תורה ומצוות. פאָל־קאָמענע אידען קומען פון דאָרט ארויס. פארשטאַרקט דעם למוד הגמרא אין די תלמוד־תורה׳ס. גרעסערע זאָלען לערנען דעם דף יומי. לערענט, יונגע און אלטע, אין הויז און אין שוהל. ווערדט פאראייניגט מיט אַלע תורה אידען פון דער גאַנצער וועלט. גרינדעט חברות ש״ס וחברות משנה ומקרא. גרינדעט חדרים און ישיבות און בית־יעקב־שולען. טרייבט ארויס אונזער גרעסטען שונא, די עם־ארצות.

טייערע אידען! האָט רחמנות אויף אייערע זיהן און טעכטער. היט אָפּ די היי־ליגקייט פון אייערע היימען. פאראומרייניגט נישט אייערע טישען מיט טרפות. האַלט אָן די ריינקייט פון אידישע מאַכלים. כשרות איז איינע פון די יסודי הדת.

טהרת המשפחה דארף אָפּגעהיטען ווערען ביי אונזערע פרויען ניט צו פאר־פלעקען די פאמיליעס. ריין איז געוועזן דער אידישער יחוס. ריינע נשמה׳לאך האָבען פארמאָגט אונזערע קינדער, זייט זיי נישט פוגם. ווערט נישט נכשל בדיני טהרה. כשר דארף זיין די אידישע משפחה.

פארטרייבט דעם רעפאָרם־גייסט, וואָס האָט געמאַכט א חורבן אין אידישען פאָלק, און רואינירט שמירת התורה והדת. קעהרט זיך צוריק צו די גדולי התורה און צום אידישען אוראלטען מקור. איצט איז די צייט פאר תשובה. גענוג שוין צום פארשפרייטען עם הארצות. ארויס מיט די עבודה זרה׳ס און אפיקור־סות. נעהמט אָן די תורה־פרינציפּען. אונטערשטיצט מיט אַ פולער האַנט די מוסדות התורה דאָ אין לאנד און אין ארץ ישראל. העלפט ראַטעווען די גדולי התורה און די תלמידים פון די פארבלוטיגטע לענדער. העלפט די פועלי אגודת ישראל, וואָס זיינען זיך מוסר נפש פאר תורה און פאר אונזער הייליג לאַנד. שטיצט די גאולת הארץ, דעם קרן הישוב, דעם קרן התורה והדת און די בית־יעקב־שולען. באַהעפט זיך צו די שלומי אמוני ישראל, צו אגודת ישראל, פועלי ופרחי אגודת ישראל. שטיצט די ישיבות. העלפט די רבנים איינצואָרדנען אי־דישקייט. שטיצט די עזרת תורה, וואָס ראַטעוועט טויזענדער משפחות פון תלמידי חכמים פון דער אלטער היים. הויבט דעם כבוד התורה וחכמי׳.

קומט לאָמיר ווערען גאַנצע אידען. שובה ישראל עד ד׳ אלקיך.

ותכתבו ותחתמו לאלחט״א

אליעזר זילבער, הרב לאגה״ק, סינסינעטי

נשיא אגודת ישראל בארצות הברית וקנדה

געדרוקט ביי
שולזינגער בראס.
23 איסט 4־טע סט., נ. י.